ק. צעטניק / תל־אביב

# הײַנט איז יאָנטעוו

דער יאָנטעוו פֿון אַ שומר, וואָס גייט קרובֿ פֿופֿציק יאָר מיט אַן אָנגעצונדענעם לאַמטערן אין האַנט, אין אַ פֿינצטערן לאַבירינט.

הײַנט דאַרף מען אָנקליידן אַ שבת־מלבּוש, אָפּשאָקלען וואָכיקע מרה־שחורהס. יאָנטעוו זאָל זײַן!

זינט עטלעכע חדשים ליגט דער יורש פֿון רעגן אויף מײַן טיש; מײַן טיש, אַן אָנגעוואָרפֿענער מיר כּלערליי פּאַפּירן, נישטאָ קיין פּלאַץ אויף אים אַפֿילו פֿאַר אַן איבעריק שטיקל שיימע, אָבער די טאָוול־ברוינקייט פֿון סוצקעווערס "יורש" איז ממשיך נישט לאָזן צו רו דעם בליק פֿון מײַנע אויגן.

די סיבה? איך האָב אַ חלק אין דעם ביכל לידער, איך האָב דאָרט אַרײַנגעשטעקט אַ טרער.

סוצקעווערס אַ ליד איז בעצם בײַ מיר נישט קיין שום נאָוועלע; איך האָב דאָך אַנטדעקט זײַן ליד נאָך אין וואַרשע, אויף יענער וועלט, אין אַ פֿריערדיקן גילגול. אַ טרער? פֿאַר וואָס פּלוצעם אַ טרער?

קריק מיט אַ הונדערט יאָר האָט יל"ג אַרויסגעבראָכן מיט אַ ביטערן גוואַלד־געשריי: "למי אני עמל?" פֿרעג איך זײַן שאלה קאַפּויעריש: אדוני הפּריץ ר' יל"ג, דו ביסט געווען אַרומגעגאַרטלט מיט אַ שורה צײַטונגען ווי המגיד, הכּרמל, המליץ, השחר, דערצו נאָך: "חובבי שפת עבר" און "חברת מפיצי השכלה"; פֿאַר וואָס פּלוצעם דאָס קאָטערן?

צוריק מיט עטלעכע חדשים, לסוף אַ לאַנגער נאַכט, בשעת מײַנע אויגן האָבן געגאַפֿט צו די שורות אין יורש פֿון רעגן, האָט מיך געשטיקט אין האַלדז: פֿאַר וועמען?! איך האָב נישט געקאָנט אַרויסלאָזן פֿון מײַנע הענט די אָפֿענע בלעטלעך, עס האָט מיר פֿאַרכאַפּט דעם אָטעם: פֿאַר וועמען? דער צער פֿון דער שאלה: פֿאַר וועמען?

איך געדענק נישט פֿון זינט אָנהייב ייִדיש־פּאָעזיע, אַרײַנגערעכנט סוצקעווערן גופֿא, אַזעלכע שורות אין ייִדיש־לשון. אַ שטייגער בלאָע, ליכטיקע, אויפֿגעריסענע אויגן אין דער לעצטער מינוט בײַ אַ גוסס.

נישטאָ ווילנע, נישטאָ וואַרשע. נעכטן, על־כּל־פּנים, איז נאָך געווען ניו־יאָרק. מאַנגער, אויף מײַן אָרט, וואָלט איצט געזאָגט: בלויז צוויי, די איינציקע, וואָס ווייסן דעם סוד און כּישוף פֿון די שורות אין דער יורש פֿון רעגן, דאָס זײַנען — איך און דער מחבר! אין אמתן בין איך מסופּק צי דער מחבר גופֿא ווייסט אַפֿילו וואָס זײַן פּען האָט געוווּסט; אויב אַזוי, בלײַבט בלויז — איך, דער שנײַדעריונג פֿון יאָס און גאָט פֿון שלמותדיקן ליד.

נישטאָ מאַנגער. נעכטן זענען זיי נאָך געווען — אַהרן צייטלין, אַ. לעיעלעס, יעקבֿ גלאַטשטיין.

מיט מאָרגנשטערן, נאָך לאַנגער נאַכט, האַלט איך די אָפּענע בלעטלעך פֿון "יורש" אין מײַנע הענט, איך זע זיי אַלעמען, די לעצטע; נישטאָ איצט בײַ וועמען דער אָטעם זאָל פֿאַרכאַפּט ווערן אַקעגן איבער די מעשׂה־מרכּבֿה, סוד און כּישוף, פֿון בלײַערנע נאַרקיס־אותיות אין סוצקעווערס ייִדיש־לשון.

הײַנט איז יאָנטעוו. דער יאָנטעוו פֿון סיום איז שׂמחת־תּורה. דעריבער — —

אויגוסט 31, 1948, האָב איך דערהאַלטן אַ בריוו פֿון רעדאַקציע־סעקרעטאַר, נתן עק — "מיר זענען אײַך מודיע, אַז דער ערשטער נומער פֿון זשורנאַל "די גאָלדענע קייט" ווערט צוגעגרייט צום דרוק, דעריבער בעטן מיר וואָס גיכער אונדז צושיקן אײַערס אַן אַרבעט".

אין זעלבן בריוו שרײַבט סוצקעווער: "אונדזער פֿרײַנד י.ד. בערקאָוויטש האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט נײַע דערציילונגען. די גאָלדענע קייט איז אַ בעלנטע אויף גוטע דערציילונגען".

הײַנט איז דער יאָנטעוו פֿון אַ שומר, וואָס גייט קרובֿ פֿופֿציק יאָר מיט אַן אָנגעצונדענעם לאָמטערן אין האַנט, אין אַ פֿינצטערן לאַבירינט.

ווי דער מלאך וואָס שטייט צוקאָפּנס פֿון אַיעדן גרעזל און קלאַפּט אויף אים אומאויפֿהערלעך: וואַקס! אַזוי שטייט סוצקעווער, באַלד אַ יובֿל, איבער אונדז, רעשט פֿון רעשטלעך, און קלאַפּט איבער אונדזער קאָפּ אומאויפֿהערלעך: נו!.. נו!..

איז יאָנטעוו און הייליק די רגע, בעת איך שרײַב ייִדיש פֿאַר די גאָלדענע קייט. מיט דרײַ לייענערס בין איך תּמיד פֿאַרזיכערט: איך־מחבר, דער רעדאַקטאָר און בחור־הזעצער. און אין שעה פֿון הודָיָה, בענטש איך, צוזאַמען מיט מײַן "מזומן", מײַנע שורות בלשון הקדושים. פֿון דאַנקבאַרקייט צום שומר און זײַן לאָמטערן, זינג איך פֿון זמירות דעם "ידיד נפֿש".

הײַנט איז יאָנטעוו, הײַנט דאַרף מען אַראָפּשטעלן אויף דער ערד דעם פֿולן זאַק מיט טענות צו סוצקעווערן, וואָס איך שלעפּ אויף מײַנע פּלייצעס.

אַז רובאַשאָוו־שזר האָט מיט אַ יובֿל יאָרן צוריק מיר מבֿשׂר געווען, אַז סוצקעווער קומט צו אונדז, האָב איך געזאָגט: ארי עולה מבבל!

איידער י.ל. פּרץ איז געקומען קיין וואַרשע פֿון זאַמאָשטש, איז וואַרשע געווען פֿאַר דער ייִדישער ליטעראַטור און פֿאַר דעם ייִדישן שרײַבער, אויב אַזעלכער איז בכלל געווען בנימצא, ווי בערך פֿאַר סוצקעווערס אָנקום אין ישׂראל, אָבער מיטן חילוק פֿון טאָג ביז נאַכט. בשעת פּרץ איז געקומען צו אַ וואַרשע ווו עס האָבן געהערשט די אַסימילאַטאָרן, איז סוצקעווער געקומען אין לאַנד פֿון לשון־קודש, נאָר אַזוי ווי די חמסין־ערד גאַרט צום רעגן, אַזוי האָט דאָ דאָס לאַנד געגאַרט צום לשון־הקדושים. העברעיִסטן ביז די קנאָכן האָבן געטראָגן סוצקעווערן אויף די הענט, פֿון שלאָנסקי, אַלטערמאַן ביז בערקאָוויטש, ש. שלום. מדינת־ישׂראל האָט דערלאַנגט סוצקעווערן צוויי כּתרים: כּתר תּורה און כּתר־מלכות. סוצקעווער האָט אויסגעשטרעקט זײַן האַנט צום ברענענדיקן קויל פֿון כּתר־תּורה.

אַז פּרץ איז געקומען אין וואַרשע, איז זײַן היים אויף צעגליאַנע געוואָרן דאָס וויגעלע פֿון דער גרויסער ייִדישער ליטעראַטור.

פּרץ האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ רבי און ווי אַ רבי דאַרף ער פּראַוועון „טיש״. אויך סוצקעווער האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ רבי, נאָר סוצקעווער האָט נישט געוואָלט אָנקליידן דעם ספּאָדיק און נישט געוואָלט פּראַוועון „טיש״.

יונגע בעלי־חלומות פֿון דער פּוילישער פּראָווינץ זענען עולה־רגל געווען אויף צעגליאַנע, ווו דער רבי, מיט הונדערט יאָר צוריק, האָט געזאָגט צום ערשטן מאָל תּורה וועגן די גאָלדענע קייט.

אין וואַרשע, אויף צעגליאַנע, האָט פּרץ געשאַפֿן די גאָלדענע קייט; נישט בלויז דעם נאָמען פֿון סוצקעווערס זשורנאַל, נײַערט דעם תּוכן אין די זײַטלעך פֿון הונדערט פֿינף און דרײַסיק נומערן גאָלדענע קייט.

אמת, פּרץ איז נישט געווען בכּוח אויסצושפּרייטן פֿליגל און זיך דערהייבן צום ניגון פֿון סוצקעווערס „יורש״, אָבער אָן דעם רבינס אַלף־בית אויף צעגליאַנע, וואָלט דעם תּלמיד סוצקעווערס פּען נישט געוווּסט דעם מעשה־מרכּבה־סוד פֿון די אותיות.

פֿון די ייִדישע בעלי־חלומות אַרום דעם רבינס טיש אויף צעגליאַנע זענען געוואַקסן די גיגאַנטישע זײַלן פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור.

אויך סוצקעווער זיצט אויבן אָן. אַ לאַנגער טיש, נאָר ער איז ליידיק. נישטאָ דער ווידערקול, נישטאָ דער תּלמיד צו כאַפּן „שיריים״, ווי אַ בין די זאַפּטן, כּדי צו שאַפֿן דעם האָניק פֿאַר אַ ווײַטערן רינג צו די גאָלדענע קייט.

הײַנט איז יאָנטעוו, רחמנא־ליצלן, מ׳גייט נישט הײַנט אין „חדר״. דעם רבינס ווײַב איז ניפֿטר געוואָרן.



אַבֿרהם סוצקעווער, צייכענונג פֿון ב. מיכטאָם, ווילנע 1936